אָנגעהויבן צו שעלטן און שווערן: איך קען נישט
דעם מענטשן! און גלייך האָט אַ האָן געקרייט.
75 און פּעטרוס האָט זיך דערמאָנט דאָס וואָרט פון
ישוע, וואָס ער האָט אים געזאָגט: איידער
אַ האָן וועט אַ קריי טון, וועסטו מיך דריי מאָל
פאַרלייקענען. און ער איז אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן,
און האָט ביטער געוויינט.

## קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

1 און צומאָרגנס אינדערפרי האָבן אַלע הויפּט־
כהנים און זקנים פון פאָלק אָנגענומען אַ באַשלוס
2 קעגן ישוען, כדי אים צו טייטן; און האָבן אים
געבונדן, און אַוועקגעפירט, און איבערגעגעבן צו
פּילאַטוסן, דעם גובערנאַטאָר.
3 דעמאָלט אַז יהודה, וואָס האָט אים פאַרראַטן, האָט
געזען, דאָס ער איז פאַרמשפּט געוואָרן, האָט ער
חרטה געהאַט, און אומגעקערט די דרייסיק שטיק
4 זילבער צו די הויפּט־כהנים און זקנים, אַזוי צו
זאָגן: איך האָב געזינדיקט, פאַרראַטנדיק אומשולדיק
בלוט! זיי אָבער האָבן געזאָגט: וואָס גייט דאָס אונדז
5 אָן? זאָרג דו וועגן דעם! און ער האָט אַ וואָרף
געטון די זילבער־שטיק אין היכל אַריין, און איז
אַוועק; און איז געגאַנגען און האָט זיך אויפגע־
6 האַנגען. און די הויפּט־כהנים האָבן גענומען די
זילבער־שטיק, און געזאָגט: מען טאָר זיי נישט
אַריינלייגן אין דעם אוצר הקרבנות, ווייל עס איז
7 בלוט־געלט. און נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך באַראַטן,
האָבן זיי דערמיט געקויפט דעם טעפּערס פעלד,
8 אַ קבורה פאַר די גרים. דערפאַר הייסט יענץ פעלד
9 דאָס בלוט־פעלד ביז צום הייַנטיקן טאָג. דעמאָלט